# דעם רבינ'ס ליכט

תזריע מצורע תשפ"א
גליון 38



**אַייערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין דִי דְרִיטֶע וָואךְ פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר, לָאמִיר זֶען נָאךְ אַ שֵׁיינֶע גֶעדַאנְק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֵיינֶע קְוַואל וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר אוּנְז אַלֶעמֶען.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן חָכָם וְתָּם. דֶער שְׁטֵייגֶער פוּנֶעם תָּם אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען נָאר מִיט שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַלֶע מַאֲכָלִים אוּן אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים. עֶר הָאט גְרוֹיס תַּעֲנוּג גֶעהַאט פוּן זַיינֶע מַאֲכָלִים, מַשְׁקָאוֹת אוּן מַלְבּוּשִׁים אַז עֶר פְלֶעגְט דָאס אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן זָאגְן: "וָואסְפַּארַא גוּטְסְקֵייט אוּן וואוֹילְקֵייט אִיז דָאס עֶסְן, וִוי גְלַייךְ עֶר עֶסְט טַאקֶע אַ שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ. וַוייל מִיט זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת הָאט עֶר גֶעפִילְט אִין דִי בְּרוֹיט דִי טַעַם פוּן אַלֶע מַאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט". עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג לוּסְטִיג גֶעוֶוען פוּל מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.

אַלס שׁוּסְטֶער וֶוען עֶר הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דָאס שִׁיכֶעלֶע, מִן הַסְּתָם הָאט דָאס שׁוּךְ גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מְלָאכָה אִינְגַאנְצְן, פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען דָאס שׁוּךְ אִין הַאנְט אַרֵיין אוּן הָאט דָאס אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "וָואסְפַּארַא שֵׁיינְקֵייט אוּן וואוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואסְפַּארַא זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז, וָואסְפַּארַא הָאנִיגְ'דִיק אוּן צוּקֶערְ'דִיק שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז".

הָאט זַיין וַוייבּ אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַז סְ'אִיז יָא אַזוֹי, דֶעמָאלְט פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרֵיי גוּלְדֶן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער (אַ גוּלְדְן מִיט אַ הַאלְבְּן)"?!

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה! אוּן וִוידֶער, וָואס הָאבְּן מִיר צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע לַייט! נָאךְ אַלֶעם פַארְדִין אִיךְ צֶען גְרָאשְׁן, וָואס אַרְט מִיךְ אַז אִיךְ פַארְדִין אֲפִילוּ אַ קְלֵיין רֶוַח טַאשְׁן גֶעלְט! אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאר פְרֵייליךְ אוּן לוּסְטִיג שְׁטֶענְדִיג.

ר' נָתָן שְׁטֶעלְט צוּ דִי מַעֲשֶׂה צוּ דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט "וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת" (וַיִּקְרָא כג, טו) דַרְשֶׁ'נֶען חֲזַ"ל 'לָכֶם' 'לְעַצְמְכֶם' אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף אַלֵיין פַאר זִיךְ צֵיילְן סְפִירַת הָעֹמֶר, דָאס הֵייסְט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר אַלֵיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אַז מַיינֶע חֲבֵרִים פוּן מַיין יָארְגַאנְג א.ד.ג זֶענֶען אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן מִיר אוּן דֶערְגְרַייכְן אַסַאךְ וַוייטֶער פוּן מִיר, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אַז זֵיי הָאבְּן מֶער גֶעלְט, שֶׁענֶערֶע מַלְבּוּשִׁים, גְרֶעסֶערֶע הַייזֶער, בֶּעסֶערֶע שְׁפִּילְצַייג.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת וֶוען עֶס דַאכְט זִיךְ מִיר אַז מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גְרֶעסֶער אוּן עֶרְלִיכֶער פוּן מִיר טוֹיזְנְטֶער מָאל! טָאר מֶען ח"ו נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין חֵלֶק מִיט מַיינֶע קְלֵיינֶע נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת וָואס אִיךְ פַארְדִין מִיט מַיין דַאוֶוענֶען אוּן מַיינֶע מִצְווֹת נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויאַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס. אַזוֹי וִוי דֶער רַבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי עֵצוֹת פוּנֶעם תָּם וִויאַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִין יֶעדְן מַצָּב.

מֶען טָאר נִישְׁט מְהַרְהֵר זַיין אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס דְרָכִים מִיט קֻשְׁיוֹת פַארְוָואס אַנְדֶערֶע קוּקְן אוֹיס בֶּעסֶער פוּן מִיר, וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ זַיין נְשָׁמָה קוּמְט אוּן וָואס זַיין תַּכְלִית אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט עֶנְלִיךְ צוּ זַיין חַבֶר. דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה "וּסְפַרְתֶּם לָכֶם" אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ רֵיינִיגְן אוּן מְטַהֵר זַיין פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת דַארְפְסְטוּ צֵיילְן דִי טֶעג פַאר דִיר אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן קוּקְנְדִיג אוֹיף דַיינֶע חֲבֵרִים.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ בַּאקַאנְטֶע תּוֹרָה אוֹיפְן פָּסוּק

המשך אויף זייט 4

המשך סיפור פון ר' נחמן טולטשינער זצ"ל

*אִיךְ גְרֵייט צוּ אַלְסְדִינְג מִיט דֶער פֶּען, דֶערְנָאךְ וֶועט נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אוֹיךְ קֶענֶען פִירְן דָאס רֶעדְל, דָאס אִיז דִי לָשׁוֹן וָואס ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט:*

דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין תַּלְמִיד ר' נַחְמָן חַזָן טוּלְטְשִׁינֶער זַצַ"ל וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מִיט זַיין תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת, אַז ר' נָתָן זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן זַיין וֶועג, אוּן זַיינֶע כְּתָבִים צוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, ר' נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי דֶער תָּם פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין וֶועג מִיט גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִישׁ פָּשׁוּט אוּן אַ תָּם, נִישְׁט קֵיין עֶקְסְטֶערֶע מֵבִין אִין לֶערְנֶען.

צוּדֶערְצוּ אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ קֵיילֶעכִיגֶער יָתוֹם פוּן זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אַזוֹי אַז עֶס וָואלְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶעהְן אֲפִילוּ פַאר דִי גְרֶעסְטֶע מְבִינִים אַז דֶער יָתוֹם נַחְמָן גֵייט זַיין דֶער תַּלְמִיד מֻבְהָק פוּן ר' נָתָן, נָאר ר' נָתָן מִיט זַיין טִיפֶערֶע הֶעכֶערֶע בְּלִיק, הָאט גֶעזֶען אִין דֶעם פָּשׁוּטֶער בָּחוּר תְּמִימוּת אוּן אֱמֶת'דִיגְקֵייט, פוּן דִי שְׁאֵלוֹת וָואס ר' נַחְמָן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, כָאטְשׁ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי בֶּעסְטֶע קָאפּ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער זַיין פְּשִׁיטוּת הָאט גֶעהַאט בַּיי ר' נָתָן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלָה.

נִישְׁט אַלֶע הָאבְּן מַכִּיר גֶעוֶוען אִין זַיין גְּדוּלָה, אֲפִילוּ דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן הָאבְּן אִים אָנְגֶעקוּקְט זֵייעֶר פָּשׁוּט, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גַּבַּאי פוּן קְלוֹיז, עֶר פְלֶעגְט רֵיינִיגְן אוּן מְסַדֵּר זַיין דִי קְלוֹיז, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט פוּן זִיךְ אַ יֵשׁ אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס מֶער פוּן אַנְדֶערֶע, נָאר עֶר פְלֶעגְט דִינֶען ה' יִתְבָּרֵךְ כְּאַחַד הַפְּשׁוּטִים.

זַיין גְרוֹיסֶער זוּן, ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן זַצַ"ל שְׁרֵייבְּט אִין זַיין סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר (חֵלֶק ו' מ"ד) אַז אֲפִילוּ עֶר אַלֵיין הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אִין דִי גְּדוּלָה פוּן זַיין טַאטְן, כָאטְשׁ עֶר הָאט אִים אַלְס זַיין זוּן זִיכֶער מְכַבֵּד גֶעוֶוען, הָאט עֶר כָּל יְמֵי חַיָּיו פוּן זַיין טַאטֶע, נִישְׁט גֶעזֶעהְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט, נָאר נָאךְ זַיין טַאטֶע'ס פְּטִירָה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַיינְזֶען וֶוער זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרֵייבְּט:

"אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּימֵי חַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים, וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט, צוּ וִויסְן זַיין מַעֲלָה אוּן חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַשִּׂיג זַיין דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי יָאר, וֵוייס אִיךְ מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז עֶס וָואלְט נִישְׁט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, דִי אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, תְּלָאוֹת מְשֻׁנּוֹת, אַזַא אָרֶעמְקַייט אוּן דַּחְקוּת וָואס אִיךְ בִּין נָאךְ בִּיז יֶעצְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן דֶערְפוּן".




ר' אַבְרָהָם שְׁרֵייבְּט דָארְט בַּאֲרִיכוּת, אַז אַזוֹי וִוי ר' נָתָן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין פַארְן רֶבִּי'ן, אַ תַּלְמִיד אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן אִיז גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם - וָואס דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דָאס גֶעזָאגְט אוֹיף ר' נָתָן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי בְּחִינָה, זַיין אַ תַּלְמִיד אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ פַאר זַיין רֶבִּי'ן ר' נָתָן, וָואס הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס דַּעַת.

אוֹיךְ שְׁרֵייבְּט עֶר אַז כָאטְשׁ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי ר' נָתָן נָאךְ אַסַאךְ גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶעצְן כְּסֵדֶר צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים זַיין דַּעַת, אַזוֹי וִוי ר' מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבֶער, זַיין בְּרוּדֶער זַאנְוִויל זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי פְלֶעגְן קוּמֶען דֶער עִיקָר פְרֵייטִיג צוּנַאכְט'ס צוּם סוֹף סְעוּדָה, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעווּאוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב. שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי אַרִיבֶּער ווּאוֹינֶען אִין טְשֶׁעהְרִין אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאר אִין גֶעווִיסֶע צֵייטְן, אָבֶּער ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אַ מְשָׁרֵת פַאר ר' נָתָן, עֶר אִיז אָפְּגֶעזֶעצְן בַּיי ר' נָתָן אַרוּם פֶערְצְן יָאר, אוּן הָאט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעחַזְרְ'ט וָואס ר' נָתָן הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, "שֶׁהָעִקָּר הוּא הַשִּׁימּוּשׁ וְהַשְּׁקִידָה תָּמִיד עַל דַּלְתֵי הָרַב" שְׁרַייבְּט ר' אַבְרָהָם זַצַ"ל, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיינֶער פוּן

דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיךְ אַזוֹי צוּפְלַייסְן אוּן אָפְּזִיצְן בַּיי דִי טוֹיעֶרְן פוּן ר׳ נָתָנְ'ס שְׁטוּב אַזוֹי וִוי ר׳ נַחְמָן. עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דֶעם לִשְׁמוֹר לַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אִין דֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן פוּן ר׳ נָתָן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים רֶבִּי'ן, אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אוֹיף לְמַעֲשֶׂה בִּפְשִׁיטוּת צוּם טָאג-טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל חִזּוּק אוּן הִתְעוֹרְרוּת פוּן דִי סְפָרִים פוּן ר׳ נָתָן, אִיז שׁוּלְדִיג אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַצַ״ל, ווייל ר׳ נָתָן אַלֵיין הָאט נִישְׁט גֶעדְרִיקְט זַיינֶע אֵייגֶענֶע סְפָרִים, עֶר פְלֶעגְט נָאר אַלֶעס אָפְּשְׁרֵייבְּן אוּן ר׳ נַחְמָן הָאט דָאס גֶעדְרִיקְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, מִיט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע רָצוֹן צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אוּנְז אוּן שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת דִי תּוֹרוֹת אוּן חִדּוּשִׁים פוּן ר׳ נָתָן, וָואס זֶענֶען רְפוּאוֹת פַאר דִי פַארְוַוייטָאגְטֶע הֶערְצֶער אִין דִי לֶעצְטֶע דוֹרוֹת פַאר מָשִׁיחַ'ן.

**לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט**

קוֹדֶם פַאר אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע ווייל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חָשׁוּבֶ'ע אַרוֹיסְגֶעבֶּער פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט, אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק הֲנָאָה פוּן דִי גִּלְיוֹן יֶעדֶע וָואךְ עֶקְסְטֶער.

מַיין מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דְרֵיי יָאר צוּרִיק, וֶוען אִיךְ וַוארְט שׁוֹין דִי דְרֵיי גַאנְצֶע יָארְן צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רַבִּי'ן אִין אוּמַאן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע ווייל נִישְׁט צוּלָאזְן אַזַא נְסִיעָה הָאט עֶר אוּנְז אוּנְטֶערְגֶעלֵייגְט מְנִיעוֹת אוּן שְׁוועֶרִיקַייטְן בִּיז יֶעצְט וֶוען עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַזוֹיפִיל תְּפִלּוֹת הָאט מַיין חָשׁוּבֶ'ער טַאטֶע מִיר בַּאשְׁטֶעלְט אַ קַארְטֶע צוּ פָארְן.

אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְן בַּאשְׁטֶעלְן דִי קַארְטֶע אִיז אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע מְנִיעוֹת אַזוֹי וַוייט אַז מַיין טַאטֶע הָאט גֶעפְּלַאנְט צוּ אָפְּזָאגְן דִי קַארְטֶע אוּן מְבַטֵּל זַיין דִי נְסִיעָה, אָבֶּער נֵיין! אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער אִינְגְל אִיז זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ פֶעסְטֶע הַחְלָטָה בַּיי מִיר; "פַארְוָואס



## מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

זָאל זִיךְ מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן רֶעכֶענֶען מִיט דִי מְנִיעוֹת אוּן אַלֶעס אַרוּם? נֵיין! דָאס מָאל וֶועל אִיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אִיךְ זָאל יָא זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן (דָאס מֵיינְט אַז דִי מְנִיעוֹת וָואס שְׁטֶערְן מִיר צוּ פָארְן וֶועלְן זִיךְ דָאס מָאל רֶעכֶענֶען מִיט דִי נְסִיעָה אוּן נִישְׁט פַארְקֶערְט).

אוּן ב"ה נָאךְ דִי הַחְלָטָה הָאבְּן מִיר טַאקֶע נִישְׁט אָפְּגֶעזָאגְט דִי נְסִיעָה. אִיךְ בִּין פוּל מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אַוַודְאַי בִּין אִיךְ מַמְשִׁיךְ מִיט תְּפִלָּה אוֹיף וַוייטֶער אוֹיף דֶעם דֶערְוַוארְטֶעטֶעם טָאג וָואס אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין בַּיי דֶער הֵיילִיגְן שְׁטֵיין פוּן דֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר'ן אַרֵיינְלֵייגְן מַיין בְּרִיוו.

**פינף מינוט צייט**
**א מעשה'לע פון רבי'נס לייט**

**מיר האפן בעז"ה צו פארציילן א מעשה, וואס די קינדער וועלן קענען דאס איבערדערציילן ביים שבת-טיש און אריינגיין אין א גורל.**
**יעדעס מאל ווען ס'דא א נייע מעשה וועלן מיר בעז"ה דאס מודיע זיין אין רבי'נס ליכט.**

צו הערן די ערשטע מעשה און אריינגיין אין גורל קלינגט אין טעל-ליין און דריקט נומער 2 2
אריינצוגיין אין גורל דריקט 223

**צו אלע טייערע קינדער פון חוץ לארץ,**
**דער לאקאלער נומער איז**

**646-518-1095**

**אלע קינדער וועלכע שרייבן זיך נאך איין די קומענדיגע וואך אינעם טעל-ליין וועלן אריינגיין אין א גורל פאר א מתנה!**

# לאמיר זיך פארהערן

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## ״שיחות נאך סיפורי מעשיות״




**א. מיט וועלכע פאך האט זיך דער זוהן בארימט אז ער האט עס געלערנט?**

- ❑ שוסטעריי
- ❑ שלייפן דימאנטן
- ❑ צו מאכן א הענג לייכטער

**ב. וועמען האט דער טאטע געברענגט צו ווייזן די חכמה פון זיין זוהן?**

- ❑ די גאנצע מדינה
- ❑ אלע פאך לייט
- ❑ אלע פאכלייט פון די פאך מיט וואס דער זוהן האט זיך בארימט

**ג. איז זיי געפעלן דאס וואס דער זוהן האט געמאכט?**

- ❑ זיכער
- ❑ ס׳איז פאר קיינעם נישט געפעלן
- ❑ פאר א טייל איז עס געפעלן און פאר א טייל נישט

**ד. וועלכע טייל איז זיי נישט געפעלן?**

- ❑ אלעס איז זיי געפעלן
- ❑ די גאנצע איז זיי נישט געפעלן
- ❑ פאר יעדעם האט נישט געפאלן א אנדערע חלק

**ה. ענדיג צו די ווערטער פון דעם רבי׳ן - עס איז דא חכמות וואס מ׳קען מיט זיי לעבן...**

- ❑ מיט ווייניג עסן און טרונקען
- ❑ מיט ווייניג שלאף
- ❑ אהן קיין עסן און טרונקען

**ו. פארוואס האט זיך דער מענטש אויפגעהאלטן אין די גוי׳אישע שטעט?**

- ❑ ווייל ער האט דארטן גאר אסאך פארדינט
- ❑ ווייל א גאנצע צייט האט אים אויסגעזעהן אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל
- ❑ ווייל א גאנצע צייט האט מען אים געזאגט אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל

**ז. וואס האט דער לץ געוואוזן?**

- ❑ אז ער האט א שיינע פערד צו פארקויפן
- ❑ אז ער האט א שיינע אייזל צו פארקויפן
- ❑ אז ער האט א שיינע קעמל צו פארקויפן

**ח. פאר וויפיל געלד האט ער עס אפגעקויפט פון דעם לץ?**

- ❑ פאר 8 רענדלאך
- ❑ פאר 4 רענדלאך
- ❑ פאר 26 רענדלאך

**6. פארוואס האט ער עס נישט פארקויפט?**

- ❑ ווייל מ׳האט אים נאר געוואלט צאלן 2 אדומים
- ❑ ווייל ער האט עס געוואלט פאר זיך
- ❑ ווייל וויפיל מ׳האט אים געוואלט צאלן האט ער געטראכט אז ס׳איז ווערד טאפעלט

**י. פארוואס האט עס דער מלך נישט געקויפט?**

- ❑ ווייל ס׳איז נישט געווען גענוג שיין פאר׳ן קעניג
- ❑ ווייל דער מלך האט נישט געוואלט באצאלן אזוי סאך
- ❑ ווייל דער מענטש האט געטראכט אז מן הסתם איז עס ווערד נאכמער

**יא. וואס איז געשעהן ווען ער האט געוואלט געבן טרונקען פאר די פערד?**

- ❑ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד שפרינגט אריין אין א פלומפ (קראן – רער פון וואסער)
- ❑ די פערד איז אנטלאפן
- ❑ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד איז געשטארבען

**יב. פארוואס האט מען געשלאגען דעם מענטש?**

- ❑ ווייל ער האט זייער שטארק געשריגן
- ❑ ווייל ער האט געשלאגען די פערד
- ❑ ווייל ער האט געזאגט אז די פערד איז אריין געשפרינגען אין די פלומפ (רער וואסער), און ער האט אויס געזען משוגע

**יג. וואס האט ער געזעהן ווען ער האט געוואלט אוועק גיין פון דארטן?**

- ❑ אז די פערד איז געשטארבען
- ❑ אז דער פערד איז אינדרויסן
- ❑ אז דער פערד הייבט אהן ארויס שטעקן זיין קאפ פון די פלומפ (רער וואסער)

**יד. וואס האט ער געטוהן ווען ער האט עס געזעהן?**

- ❑ ער האט אנגעהויבן וויינען
- ❑ ער האט אנגעהויבען צו זינגען
- ❑ ער האט נאכאמאל אנגעהויבן צו שרייען

**טו. ווען און וואו האט דער רבי דערציילט די מעשה?** (עיין חיי מוהר״ן אות נ״ט)

- ❑ פסח תקס״ז אין שטאט ברסלב
- ❑ שבועות תקס״ז אין שטאט אומן
- ❑ שבועות תקס״ז אין שטאט זאסלב

**טז. וואס זאגט דער רבי אז מ׳קען זיך לערנען פון די מעשה?**

______________________________

______________________________

______________________________

**אשרינו אז מיר לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים - מיט פיל הצלחה**

צו ענטפערן
די בחינות און
אריינגיין אינעם גורל,
קלינג:
02-5-3333-72
646-518-1095

צו מנדב זיין פאר דער
גליון
לכבוד א שמחה / לע״נ
ביטע זיך פארבינדן
אויפן טעלעפאן
058-323-3287
L3233287@gmail.com

נתנדב לע״נ הרה״ק
ר' ישעי בן ר' משה
מקערעסטיר זי״ע
ולע״נ חי' בת ר' שלום

המשך פון זייט 1

## דער ריינער קוואל

״אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם״ (הַשְׁמָטָה קוֹדֶם תּוֹרָה א' תִּנְיָנָא) אַז דֶער עִיקָר וֶועג וְויאַזוֹי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרַאכְט אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם וָואס דִינֶען נִישְׁט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁטֶערְן אִים. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר גֵיין מִיט דִי עֵצָה נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן פוּן מִיר אָדֶער ח״ו רֶעדְן אַיין צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דֶעם. אַזוֹי וִוי אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין עֶרְשְׁטְן סִימָן ״וְלֹא יִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״.

אַזוֹי וִוי מֶען קֶען הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן רְשָׁעִים אָדֶער מִתְנַגְּדִים וָואס וִוילְן מִיט לֵיצָנוּת פַארְמַיידְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן עֲבוֹדַת ה', אַזוֹי אוֹיךְ טָאר אִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ אֲפִילוּ פוּן מַיינֶע בַּאלִיבְּטֶע נָאנְטֶע חֲבֵרִים, יֶעדֶעס קִינְד לוֹיט זַיין מַצָּב זָאל בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִים צוּ קֶענֶען דִינֶען מִיט ״אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם״. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל טַאקֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אִינְגַאנְצְן מְטַהֵר זַיין אוּן מְקַדֵּשׁ זַיין בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה אָמֵן סֶלָה.